STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01736

KHAOS

Aaron Kurtz

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ש. קירל

אַרויסגעגעבן פון פאַרלאַג ניי-וועלט
הויפּטפאַרקויף פאַרלאַג אַמעריקע

Copyright 1920

by

Samuel Kurtz

דעם אנדענקען פון מיין מאמען.

טעאזאף

(פרעלוד)

טעאזאף : —
איז אין דיין רעשום דער סאד פון שלאף ?
זוך אויף די ברעקלעך פון מיין לעבען
אין רויטע רינשטאקען און קונסטזאלען,
אין פרויען־גארדעראבען און פארשטויבטע ביכער
שלעפעריג בין איך.
פארמאטערט.
אין מיינע טעמפלען רעאגירט ניט מער קיין ליד
איבערען שלאף :
האבען אלע לידער אנגעווארען זייער פאטאס
צי איז מיין הערכוש אפגעטויבט :
ניט קיין מיטנאכט טפילע,
ניט קיין מארגען לויב.

שראצים וואס גלאצען מיט שרעק,
לייצים וואס לאכען אהן בלוט —
האבען זיך אין אלע ווענט פארזאמעלט ;
האבען זיי די שליטע איבער מיין מויל.
וואו קאן איך זיך באהאלטען און — פארטעמפען ,
דער עכא פון זייערע ארגיעס
צולעכערט אלע ווענט און שלעסער,
און נאט וויל מיך ניט הערען ;
האט זיי גאט אליין דעם וועג צו מיר געוויזען ?

פארוואס ווערט דער טומאַן נאָך דיקער באַ מיין שלאָס
ווען אוועקגעטינגע מאַריוואָר־ווינטען
פארשלעפּערען די וועלדער און די טייכען ?

פארוואס איז דער אויפגאנג פון מיין נעשאָמע
אין רויך
און ניט אין שפּיל פון זונען ?

פארוואס —
פארוואס קומט מיר אזא שטראָף ?
צי דען דערפאר וואס איך האָב קליגען זיך געוואָלט —
צו דערגעהן מיין שטום —
און דערנאָך שילטען דעם ווילען צו זוכען
און איינרעדען זיך, אז דאָס וואס דו זוכסט
איז — אין זוכען ?
האָט דען קיינער מער אין דעם קיין שולד
כוץ מיר אליין ?

טעאזאָף : —
הויב אויף דיין פארטשאדעטע ברעם אויף א רעגע.
איז דען געווען אומזיסט מיין געהן ?
אָט בין איך דאָ, נאָר —
וואוהין בין איך געקומען ?
ווייסטו גאָרנישט פון דעם עמעס ?
מוז איך פון דיר געהן צוריק — אליין ?

זאָג מיר,
עפשער לעסטער איך דיין טעמפעל ?
זאָלען ריידען צו מיר די וואס אנטפלעקען דיר די סוידעס,
און בין איך שולדיג —
זאָל אין כאראטע אויסגעהן מיין נעשאָמע !
זאָג מיר —
איך וועל זיך שטארקען איינשטילען דאָס קינד
און בלייבען רוהיג.

מיינע אוינען טרינקען זיך אין שיקרעס־גלאנץ.
מיין מויאך איז א שארפע לאפעטע וואס גראבט
אין פייכטען ערד און — זשאווערט.

מיין גרויסע ליבע
צו דער צובאלעוועטער ליגנעריז
גויסעט אין די שטארקע מיטלען פון שיקכע :
אויף צופיל פשארעס בין איך איינגעגאנגען
צוליב אירע אילוזיעס.
וועל איך ווען נאך אויפרייצען אויף איר די טעג
אין וועלכע איר נעוואוע איז געווען א דורכפאל :
מאסען מארד ! מאסען מארד !
ווען זי וועט זיין טויט, וועט אין אירע ארעמס גליווערען
דער עקסצענטרישער שוואונג פון פאעט.
דעם פילאזאף וועל איך לאזען דערשטיקען דאס קינד
און אים אליין — שפאצירען אויפ׳ן גרויסען העסאלמען
ביז ער וועט פרירען פון איינענער קעלט.

איך בין די אפשטאמונג פון א קאפריזנעם גאט
וואס נעמט ניט אן קיין קין־מעסיגע מאטאנעס !
און אין מיינע הימלען איז דער איפעש שטארקער
ווי די רויכעס פון די קטוירעס.
זאל מיין בוירע
נעמען זיך דעם הויפען ביינער
וואס האדעוועט אינזעקטען פאר מיין מארך.
ווי קאן איך זיין באוואוסטזיניג א סוינע
זיך אליין ?

קויאך: דו, וואס איך האב געשאפען
און רוף דיך — מיין שעפער:
פארקירץ מיין אטעם.
פארשטייף מיין צונג.
צומיש נאך מער מיין מארך —
קיין ליד.
קיין לויב.

מאסען מארד! מאסען מארד!
כאפ איך דאס קינד בא דעם האלז
און ווערג: —
איך מוז דאך דערמארדען מיין שרעק
נאר — ס'האט ניט דער גיבער דעם קויאך,
דער לומפיגסטער אויסוואורף — דעם מוט.
דאס קינד צוואויינט זיך,
לאכט מעשוגעדיג דער פילאזאף.
און דער פאעט איז ווי א בלאט אין טישרע.

ליגט דער אקס און כארכעלט
שלינגענדיג זיין זודיג שכיטע־בלוט.

זאג מיר ווער וועט זיגען!?

הא־הא־הא!
פארמאך דיין אויג, —
זא ל ז י מיך כאטש ניט שענדען!
גענוג, דו, פסעוודא־פאטריארך.
איך הער שוין איז זיך דעם פרעלוד צו אן ארגיע.
לייד? — געלעכטער.

געלעכטער, געלעכטער פון מיליאנען שטימען:
לאך איך פון דיר,
פון מיין גאט
און פון די געטער וועמען איך דין, ניט גלויבענדיג אין זיי,
פון די גייסטער וואס שארען זיך ארום מיין בעט
אין באלאכאנען פון דער נאכט
און וועבען מיינע כאלוימעס.
איך לאך — ווייל ס'בלייבט מיר
נארנישט מער.
דאס איז מיין נייע שיקרעס.
מיין איינציגער באדינג פאר שאלעם.
מיין לעצטע פשארע!

גאָט און כאַאָס

גאָט און כאַאָס

גאָט און כאַאָס — דער צווילינג פון מיין בלוט —
איין געפעש מיט צוויי קעפּ
וואָס איך קאָן זיי ניט צוטיילען.

הארמאָניע

די כּאַטישע ניגונים פון מיין האַרץ
אינטריגירען מיין מאַרך : —
טאַנץ איך מיין שעפּער'ס כּאַס־טאַנץ —
נאָך דער מוזיק
פון דעם דיסהאַרמאָנירענדען אָרקעסטער,
באַגלייט פון פייף פון מיין נעשאַמע־שטורעם.

כאָאָס

טומעל און רויש.
טומעל און רויש.

עס מישען זיך טראגעדיעס
קאָמעדיעס
פון איין אווטאר און א צווייטען ;
איז האמער גאָר ניט בלינד געווען
נאָר — ציצערא.
און קסאנטיפע — ?
זי ווערט ביי מיר א קאמער־מויד
פון שעקספירס א קאָמעדיע.

די אומאָרדנונג פון א ביבליאָטעק,
נאָכדעם ווי
ס'פארלאָזען אלע לעזער, —
איז מיין מויאך.

צוואנג

„על כרחך אתה נולד".

נאט —
האסט גענומען דיינע איבעריגע שאען
און זיי אנגעפילט מיט בראנד ;
און דיינע טעג די ליידיגע —
מיט שווארצען רויך,
און אויפ'ן האלז מיר אנגעהאנגען.

פון דיינע איבעריגע שאען,
זון־און־שטערענלאזע טעג און נעכט
האסטו צונויפגעקנוילט —
ווער ווייס וויפיל יאהרען —
אריינגעהויכט א גרינע גאל
און גערופען מיט מיין נאמען —

הענגט דער כוישעך פון מיין לעבען
אויף דעם ראנד פון מיינע וויעס —
(מיין אינסטינקט שילט די האנט פון יענער גאב.)
שליידער איך די טעג און נעכט — שטיקער פון דיין ווערק —
ארט מיך ניט וואוהין זיי פאלען : —
מיין נאמען איז אליין איינס פארשעמט.

בריטוועס

שמואל:
דו היציגער דולקאָפּ,
ווי לאנג וועסטו קוקען אין שפּיגעל
און פאַרשען דיין פאַרפאַלגער?

ווי לאנג — זיך שפּיגלען
אין בליאסק פון דער בריטווע?
ווי לאנג —

זעהסט דאָך:
ניט דו ביסט דער קיניג
פון דיין בלוט.
ניט דו.

אונטער דער הויט פון דיין האלז
זיצט א קליין בריעלע,
פארקארטשעט די פיס —
און מאכט כויזעק פון דיר — — — —

דו היציגער דולקאָפּ.

פליור־דע־לים

ווער האָט דאָס געבענשט מיין בלוט
מיט דעם פעטען פאָטאָסעאוס,
וואָס דו זויגסט איינגאַנצען איין ? — פליור־דע־לים.

פליור־דע־לים, פליור־דע־לים —
וואָס נאָך
ווילסטו ?

וואו זיינען די אַקאַציען ? —
זייער אַש ?

אין דיר,
אַלץ.
אַלץ אין דיר, פליור־דע־לים.
די ערשטע קנאָספּען פון מיינע יונגע טולפּאַנעס
ווילסטו אויך פאַרלענדען ;
נאָר דער רויאַך פון זייערע בליאונגען
וואָס וועלען זיך באַלד צולאָזען,
לעהאכעם
דיין גליאיגער אַקשאָנעס —
וועט אָפּשוואַכען דעם שוואונג פון דיינע פייערען,
ווייל דיר גילט ניט
צו קריגען די שליטע
איבער די נאַרציסען, —

דאָס וועט דיר קיינמאָל ניט געלינגען !

נולען

רעגעס.
מינוטען און שאָען.
טעג :
פראַגמענטען פון אונזער אייביגקייט
וואָס שטאַרבען
אין שוואונג פון א זילבע.

אונזערע טעג
האָבען זיבען נעמען,
און יעדער טאָג איז נומערירט.

פון די טעג פאַרגאַנגענע,
פון די טעג פאַרזונקענע
בלייבען — ציפערען.

און ווי קלוג
און כיטרע
ס'וועט אונזער מארך זיך פלייסיגען
צו נאַרען אונז,
וועט אַלץ דער כעשבען
זיין — א נוליגער.

קאַרליק

נאָך אַ דריי שאָאיגען גאַנג
איבער גאַסען
בין איך אַריין אין אַ ווײַן קעלער
און דערזעהן
דורך די פענסטער
אַז עס רעגענט,
און קיינער איז ניטאָ אינדרויסען: —

(און איך בין
נאַס געווען
און קאַלט)

איוב, שפּינאָזאַ
דאַנטע, געטהע און —
ווער ווייס וועלכע נאָך
זשעניען
ס'האָבען מיך געפירט
אויף די גליטשיגע וועגען ?

און איך בין איינגעשרומפען —
ווי דאָס ליכט פון אַ לאַמטערן קעגען דער לעוואָנע —

נאָר מיינע אויגען האָבען זיך ברייט צועפּענט
און זיי באַוואונדערט
וואָס זיי דערקענען מיך ניט מעהר — — —
נאָר ריידען האָב איך ניט געקאָנט.
שטומען האָב איך ניט געטאָרט.
די לאַסט פון דענקען און פאַרשטיקען
איז געוואָרען שווער ;
און מיין כאַאָטיש בלוט האָט רעוואָלטירט,
האָב איך — אַ פאַרלאָרענער
פון זייערע פאַרשענדיגע אויגען
ארויסגעשטאמעלט : א י ך ב י ן
ד י צ ו נ ג פ ו ן מ י י ן ד אָ ר.
— — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — —
העי, קעלנער ! —
נ אָ ך אַ זודיגען באקאל מיט בלוט !

רויטע פענסטער

איז מיר באַשערט:
מיט אַ קינד ביי דער האַנט
זיין דער היטער פון גהענים.

וואָס זאָל איך זאָגן
מיין קינד
ווען ער בעט:
פּאַפּאַ,
קויף מיר אַ ביקס
און אַ קרוין,
וועל איך ווערן אַ קיניג — ?

ווי קען איך דערצעהלען
מיין קינד
דעם ציל פון זיינע וועגן — ?

און ווי
זאָל איך לאַיגען מיין קינד — ?

אַז מיין שטוב איז פאַרמישפּעט
אירע פענסטער זאָלן פירען
צו די טויערן פון גהענים.

„רוהיגע“

זעה ווי שטיל
עס שפּאַצירען מענשען
אויף די גאַס־פּאַנעלען.

פון וואַנען קומען
אַט די מאַכנעס
שטילע מענשען ?
און ווי רופט מען דעם גאָט
וואָס האָט זיין רוה
מיט זיי געטיילט ?
און וואו וואוינט ער ?
און זיי ?
און איך ?

— — — — — — — — — — — — — — —

וואו ? —

דיין גאָט

וועלט :
דו האָסט מיין ווילען צובראָכען.

ווער איז דיין גאָט ?
און —
בין איך דען דיין קנעכט ?

אָט, זעה : אַלץ איינס
ביסטו מיין קאָרבען, ווייל —
קען איך מער טאָן ווי העלפען דיך סאַמען ? —
אַז א י ך
קיניג אין דיינע הימלען —
אַ ווילענלאָזער,
אַ צובראָכענער גאָט.

כווישעך

א.

אין מיין האַרץ
געהט־אויף דער כווישעך
פון דער וועלט;
אין איר שרעקענדיגען אויג
ווערען געבאָרען מיינע ספייקעס —
די אינטריגערישע שכיינים
פון מיין מאַרך.

ב.

אויף דעם בלוטיגען ראנד פון מיין הארץ
הענגען אויסגעלאשענע פלאנעטען.
וואו־ניט־וואו פלאמט־אויף א זון —
פלאמט־אויף
און לעשט זיך אויס —
אין דעם כוישעך פון מיין הארץ.

ג.

מיין הארץ
איז דער מאקויר
פון אלע ניגונים ;
מיין הארץ איז די הארף פון אוניווערז. —
הימעל און ערד :
נעשאמע און פלייש.

ד.

ווען מיינע נאכט־הימלען
שפרייטען אוים מיין כווישעך
אויף דער ערד,
און גאָט'ם ליכט
פאַרלירט די שליטע אין מיין הארץ, —
ווען איך פאַררינעל
אַלע טירען פון מיין מיקדעש
און ריים אַרונטער
דעם פאָרוויכעם
פון אַלע מיינע הייליגקייטען ; —
שליידער איך די העפטען
פון טויזענט דוירעם לערען,
שפּיי דעם ליגנערישען גאָט אין פּאָנים.

ח.

מיין הארץ איז די מוטער
פון געטליכע וועהען
און די דינסט
פון מענשליכע קאפריזען.

א בארעמהארציגע שוועסטער,
א קרענקליכע —
אין א שפיטאל
פון אומהיילבארע כוילאים.

ו.

ס'האָט זיך אויסגעמישט
אין מיין אויג
דאָס ליכט פון טאָג און נאַכט,
ווייס איך ניט,
צי ס'בלענדט מיין אויג א מוירעדיגעס ליכט
צי בלאָנזע איך אין כווישעך.
צייכענס פון מיין טראָט,
אויף די וועגען צו גאָט און שעד.
נאָר עס רעגט מיך שוין ניט זייער צאָרן.
און איך אליין
לאַך פון מיין טריאומף.
און מיין ראנגלעניש מיט'ן כווישעך
און דער בלענדענדיגער ליכט —
איז אומזיסט:
ביידע
האָט פארשלונגען
דער כווישעך פון מיין הארץ.

ז.

א געבונדענער
פון מיינע שוואכקייטען,
דריק איך מיין הארץ אין די פויסטען.

מיין הארץ: —
דער געזאנג־קוואל פון קאסמאס,
פארשטיקט אין א האנט — — — —

ח.

די נאַכט
איז היינט אַראָפּגעקומען
מיט אַן אוראַגאַנישען אימפּעט,
אירע שאָטענס אויסגעשטעלט
אין אַלע ווינקלען
פון דער ערד
און געשמייכעלט.

איך האָב היינט די שאָטענס ניט געזעהן:
דער כווישעך פון מיין האַרץ
איז געוון געדיכטער ווי די שוואַרצסטע נאַכט:
האָט ער איינגעשלונגען
אַלץ:
די נאַכט,
איר שמייכעל
און אירע שאָטענס.

ט.

מיט זשעדנעם שוים
אין די ברייט־צופראלטע נאָז־לעבער,
און הונגער־פיבער אין די שארפע נעגעל
האָט זיך א באנדע שאָטענס
געשטויסען בא מיין טיר.
וואָס, האָב איך געטראַכט,
אין דעם געווינס פון מיין נעשאָמע ?

שיידים !
אלע רויטע ציגעל פון די ווענט
זיינען וועק־זייגערס געוואָרען,
און מאָנען —
און מאָנען —

קאַרוסעל

סיוועז איז א שעהנער כוידעש —
און דער טאָג איז א זוניגער —
זיץ איך אויף דער וועראַנדע
ביז די צייטונגס־אינגלעך
קומען „ראטעווען די וועלט מיט נייס"

און אַט בין איך אין קוני איילאנד —

פאָר איך אויף דער קאַרוסעל:
דער מעכאַנישער אָרקעסטער שפּילט
דאָס נייסטע שטיק.
די דריי־גאָרענדיגע פויקען
אקאָמפּאַנירען
לויט דעם אוילעמס סענטימענט.
און די קאַרוסעל דרעהט זיך
דרעהט זיך
גיך.

„לויפען" טיגערס,
לייבען,
הינט, מיט לאַנגע הענגענדיגע אויערען.
ווילדע ציגען,
טאַמעוואַטע שעפּסען;
יאָגט זיך איינער נאָכ'ן אנדערען,
אונטער דעם בראַזג
פון די קופּערנע טעלער.

לייבען, כאזיירים און הינט.
אָרקעסטער און — שעפּסען — —
און איך אויף א הילצערנעם לעמפּערט ;
יאָגען זיך נאָך
און מען קען זיך ניט כאַפּען.

א זוניגער סיוועןַ־טאָג :
די קארוסעל איז אין פולען געלויף.
דער קאָפּ אין א מאָדנעם געדרעה.
די זון דרעמעלט אויף מיין וועראנדע.

אין די רויכיגע גאסען
שרייען אינגלעך : עקסטרא ! עקסטרא !
שלאַכטען בא ווערדון אין פולען גאנג — — — —

באָדען

דער ווינט
איז געקומען אָנקעגען
און געשלײדערט דעם שטויב
אין די אויגען.

אין לינקען אויג
האָב איך דערפילט אַ שטאָך —

אויף דאָס ווייסע זייד־טיכעל
אין בליאַסק פון דער זון,
האָב איך געזעהן
אַ פראַגמענט פון אוניווערז:
אַ שטויבעלע.

אַ שטויבעלע —
שטויב — הויפענס
בערג, ערד — אַ פּלאַנעט!
אַט ווערט מיין באָדען געשליידערט —
ווי איך
פון מיין שיקזאַל.

ווער האָט אויפגעשאָטען אַלע בערג?
אויסגעביסען טיפע טאָלען? —
פייער און וואַסער און ווינט.
און דאָס ערד־האַרץ
וויברירט פונקט ווי מיינס?
ווי מיין האַרץ ווערט פאַרטראָגען

פון אירע קאפריזען,
ווערט פארוואָרפען אַ גאָלד־שטויבעלע
פון אַ העלען זאמד־בארג :
ליכטיגע,
פארוואָגעלטע נעשאָמעס.
איינזאם,
ווי איך ;
ווי יעדער מאציייווע צווישען טויזענטער
אַנדערע.

באָדען מיינער !
דיין זיכערקייט איז אין דעם שוואונג
פון דעם ריזיגען ראָד.
דיך בינדט די שרעק
פון דיינע אייגענע קאַפריזען
ווי מיך ;
נאָר דו ביסט פּאַסיוו :
זוכסט ניט קיין באשייד אויף דיינע וואונדער,
איז דאָס מיר באשערט.
איך, די אַף־און־קינד —
וויל דעם סאָד אַנטפּלעקען !

ווי וואונדערליך און מיעס
איך בין.
ווי ברודיג און געטליך
ד ו ביסט.
און אומגעלומפּערט ביסטו —
ווי איך.

שפאַנישע יאַסמינען

שפּאַנישע יאַסמינען
האָבען זייערע וואָרצלען איינגעגראָבען
אין מיין גאָרטען.
שפּאַנישע יאַסמינען
האָבען מיט דעם רייצענדיגען רויאָך
געמאַכט ציטערען מיין בלוט, —
און מיר דאַכט,
איך בין שוין באַלד אינגאַנצען איינגעפּאַסט
אין שפּאַנישע יאַסמינען.
— — — — — — — — — — — — — — —
וועל איך
רוהיג
קיינמאָל שוין ניט זיין.

פֿראַגמענט

אַטלעטען הענט מיט שווערע האַמערס
הענגען איבער מיר;
שווינגען מיט אַ מוירעדיגען שוואונג און, באַלד
באַלד וועלען זיי שלאָגען
אין טיפע שלייפען פֿון מיין הויכען שטערן.

פארסאמטע שטראלען פֿון זומפּ־זונען,
געלע —
ציהען זיך צו די רויטע ווינקלען פֿון מיינע פאררויכערטע אויגען
און שטעכען,
ברענען.

און די רויט־האָריגע לאַפּע
וואָס טראָגט דעם ברענענדיגען פאַקעל מיט שווארצע פעך־פלאַמען
און פרעסעדיגען רויך —
לאָזט עס שטאַרקער נאָך צופלאַקערען
ארום מיין הארץ
און, רויכערען.

בלעטערענדיג —

אזוי איז מיין לעבען:

הויב אָן לייענען א בוך,
פון אָנהויב צי פון סאָף;
בלעטער עס צום שער בלאַט
און צוריק
און —
עפּעס שוין דאָס צווייטע.

ליגען טוצען ביכער
אָפענע
אויפ'ן טיש
און אויף די שטולען.
וואו איך וויים דעם אָנהויב
וויים איך ניט
דעם סאָף,
און זייער שווייגען,
רופט מיך אזוי הילכיג!

— — — — — — — — — — — — — — —

א, ווי האסטיג
ס'שלאָגען מיינע שלייפען
און די אויגען
ברענען —

אזוי איז מיין לעבען!

כראָניק

א.

באַגינען
בין איך אריין אין גאָרטען
און זיך געכאַוועט
מיטן רואיגען „בוים פון לעבען".

ב.

נאָכמיטאָג
בין איך געווען
א צורייצטער אטעלא —
פון מיינע אייגענע אינטריגעס.

ג.

איצט
בין איך א גילגעל פון א כאַלעם
וואָס אַ מעכאַשייפע האָט פארשאָלטען.

ד.

און אַרום מיטנאַכט
בין איך די אָרלאָ, —
און אלע ווינטען פון דער ערד
שפּילען אויף מיר זייערע ראַפּסאָדי'ס.

ראַדיאום

מאַדאַם קוריע : —
וואָס איז ראַדיאום ?
ווענען זאָל איך פרעגען
וואָס א י ך בין ?
די ניוטאָן'ס צי די קאַנאָן דאָיל'ם ?
די איינשטיין'ס אָדער זיך אליין ?
אַ נעכטיגער עמעס
איז היינט
אַ ליגען !
היינטיגער — מאָרגען !)
און פאַראַדעי —
און קעלווין —
און גאַלילעי
און לאַפּלעס —
און דער „פּאָזיטיווער" העקעל ! —

מיין געדאַנק איז ראַדיאום.
אָבער, וואָס איז — — — —

— בלומען, בלומען

דערנער !
דערנער שטעכען מיר די אויגען,
בלוט
אויף מיינע אויגען־דעקלעך ;
און איך זאָג מיר : בלומען !

— בלומען — בלומען.

דערנער, טאָרען דאָס ניט זיין.
טאָרען ניט !

— ווייסע יאַסמינען.
— בלאָע וויאָלעטען.

לאָז איך מיר די אויגען שטעכען — — — —

זשאַנגעל

איך בין דער זשאַנגליאַר
פֿון מיין לעבען.
שטעה איך אין דער רויטער אַרענאַ
און שאַנגליר מיט פֿראַגמענטען
פֿון מיינע טעג —
פֿלאַמענדיגע פֿאַקלען וואָס רייסען זיך צום הימעל;
שפּרינגען,
לעשען זיך אויס
און פֿאַלען צו דער ערד,
מיט די אויגען אַראָפּ.

באטרוג

אויף די קלאווישען פון מיין נעשאמע
האט ווער צויאגט
צוויי שורעס דינע פינגער ;
לאנגע, דינע פינגער
מיט רונדע געפאלירטע נעגעל —
— — — — — — — — — — — — — —

איבער די קלאווישען פון מיין נעשאמע
האבען אומגעבלאנזעט
דינע אויסגעשניצטע פינגער
פון א גראער נאכט־פיגור
און אויסגעקלאפט
אין האלבע באנגע טענער
וואריאציעס פון מיין הארץ —
— — — — — — — — — — — — — — —

צו די קלאווישען פון מיין נעשאמע.
האט זיך ווער פארגאנוועט
און מיט ראפינירטע פינגער
קינסטלעריש ארויסגעשפילט
די אנדאנטע פון מיין הארץ, —
און זיך מיט מיר גערייצט — — — —

שפין־געוועב

ווי די שפין
אין איר געוועב
האָט די שרעק מיך איינגעפּלאָנטערט —
איז זי די ווירטין פון מיין שטוב —
אַלע מאָל פאַר מיינע אויגען.

וויפיל סיידעס
ווילט זיך דיר אַנטפּלעקען.
יעדער ענטפער — א באוואוסטזיניגער ליגען.
דרעהסטו זיך אין שפּין־געוועב
פון רעזומירענדע געדאַנקען
וואָס דיין „ערליכע" לאגיק לייט אויס
פון די פארגרייזטע ביכער
פון קאַלטע שפּעקולאַנטען.

אויטאָקראַט

אין די ליידיגע כאַדאָרים פון מיינע איזאָלירטע טעמפּלען
וואַלגערען זיך פאַרמישפּעטע נעשאָמעס
הינטער די טירען — ווי פאַרטריבענע געטרייע הינט —
טרויערען איבער זיך די גייסטער
פון מיינע ניט פאַרלעבטע שאָען.

בא די פענסטער לויערן די שאָטענס
פון מיינע אָפּגענאַרטע כאַלוימעס, —
און עס טיקעט אין די ווענט דער עכאָ פון אַ גיכען פּולס.

איבער געדיכטע געלע רויכקנוילען
שטייגט און פאַלט מיין ברוינער אויג־עפּעל
און קומט ניט צו אַ גלייכגעוויכט.

אין די ליידיגע כאַדאָרים פון מיינע איזאָלירטע טעמפּלען,
ליגען געבונדען מיינע ליבסטע — מיינע זינדיגע מאַכשאָוועס, —
און עס שווימט און וויגט זיך
אויף די האַסטיגע כוואַליעס פון איהר בלוט
אַ האַרץ.

זוך־שטראַלען

מיין אויג
האָט זוך־שטראַלען צושיקט —
האָט מיין בלוט
א שפּרונג געטאָן אין פּאָנים :
די בקירעס פון מיין מאַרך פאַרפּלייצט.
האָב איך אַלץ פאַרגעסען
און זיך געוואַרעמט
א מינוט,
אין דעם פייער פון מיין בלוט
וואָס אַן אויג האָט אנגעצונדען.
נאכדעם
האָב איך געטראַכט :
ווי וואויל מיר וואָלט געווען,
ווען איך זאָל וויסען
ווענען ס'קומט די בראָכע
פאַר די דימענטענע אויגען
וואָס האָבען מיר פאַר א מינוט
געמאַכט פאַרגעסען
אַז איך בין א זוהן
פון א ציוויליזירטען דאָר.

אויפ'ן וואָגשאָל

צווייפעל מיינער : —
לאָז מיך אָפּ,
לאָז ! —
וועל איך איינוויקלען מיין לייב אין טכיילעס
און מיין קאָפּ —
אין טפילען פון ראבייני תם :
וועל א פּאָרוש ווערען
און וואַרטען
אויף דער הייליגער מינוט ווען ס'וועט מיין שטערען פאַלען —
און געבען מיר זיין אָרט.
אָדער : — איך וועל נעמען
אַלע גאָט'ס געבאָט
און צוריקגעבען מיין ציידען.
מיינע לאַנג פארשימעלטע רעצועס —
אויף שיכשנירלעך צושניידען
און געבען צו מיין יונגען זוהן.
צווייפעל מיינער : —
לאָז מיך אָפּ,
לאָז ! — — —

אַקשאָנעם

אַ פייער־זייל
האָט מיך אהער פאַרוואָרפען
און זיך אויסגעלאָשען.
בלאָנזע איך,
זוכענדיג.

האַרץ !
ליגט אין דיר עפשער,
דער זייל מיינער,
אַ פאַרלאָשענער ?
פלאַם־אויף !
און וועט עס דיך פאַרברענגען :
זאָל זיין !
נאָר, זעהן.
איינמאָל זעהן יענעם ליכט.

זעלבסטמאָרד

די ווינטען פון מיין נעשאָמע
האָבען צוטרייסעלט מיין יונגען טאָג, —
האָבען זיך זוניגע שאָען א שאָטנגעטאָן
צו דער ערד,
ווי רייפע, גרינליך־געלע פלוימען
פון א צושאָקעלטען בוים.
בארגאראָפּ.
בארגאראָפּ.

שטעה איך אין דער הויך —
אין די געזונטע אָרעמס פון מיין שרעק.

„אטאמאן"

גאט, —
דעם טאג פון מיין געבורט
האסטו א יאנטעוו דיר געמאכט —

אין דיינע לאנגווייליגע שאען
באריגעלסטו מיך מיט א שייקע עקעלדיגע שראצים, —
צוציהען זיי מיינע אדערען
איבער די דערנער פון דער וועלט
און טאנצען איבער זיי.

שפרינגען אום
אויף דעם ראנד פון א שווארצען טהאם
און שפילען מיט מיין הארץ איבערען מויל פון אפגרונט —
ווי מיט אן אויסגעלאשענעם פלאנעט — — — —

פארפאָלגט

ווער הויבט עס מיין בעט
אין מיטען נאכט ? —

איך בויג אראפ מיין קאפ, —
אויף'ן דיל,
אין קרייז פון לאָמפען־שיין
וויגט זיך אום
מיין צושויבערטער קאפ
מיט דער נאכט אין די אויגען — — — —

שליידער איך מיין האלבען איך
צוריק אין בעט
און דער צושויבערטער קאפ
מיט דער נאכט אין די אויגען
לויפט־נאך — — —

אין דיינע הענט

מיט דעם האַסט פון א צורייצטען בופעל־אָקס.
האָט זיך אַ מענש געיאָגט
פאַרביי מיין שטוב.
שווינדענדיג
האָט דורך מיין שויב א שיין געטאָן
א מאָדנער אויסדרוק
פון אן אויג —
אין דער רעגע
האָט עפּעס געשען אין מיין בלוט :
— — — — — — — — — — — — — — —

אין זיין אויג
האָב איך דערקענט
א פאַרהונגערטען — מיין טויט.

אונטער טויזענטער הויטען

קער אָפּ פון מיר דיין פּאַרצעף!

אַט זאָג איך אַ ײ ן שלעכט וואָרט —
און איך בין פאַרלאָרען.

יעדערער פון אייך
טראָגט מיט זיך אום
אַ טויטליכען געדאַנק.

אויף יעדערען פון אייך
האָב איך אַ כּשאַד —
האָב איך אליין זיך איזאָלירט!

פאַרטאָג

הייגט פּאַרטאָג האָבען מיינע הענט געציטערט
און זיך לאַנג געפּאַרעט בא מיין טיר,
זוכענדיג דעם שלאָס.

אין איילעניש בין איך אריין אין שטוב,
מיט דער הויט פון א מעס אויף מיין פּאָנים —
און די טיר פאַרריגעלט.

מיט די אויגען צו דער טיר
האָב איך זיך פאַרנומען אויף די שטיגען
וואָס פירען צו מיין ביידער —
און די גאַס,
די דריי פּאָר אויגען וואָס האָבען אויף מיר געקוקט
ווי גאָרנישט זאָל געשעהן —
און די בלישטשענדיגע העלזער פון רעוואָלווערס
זיינען מיר נאָכגעגאַנגען.

מיין שלאָף
האָט דעם וועג צו מיין בעט ניט געטראָפען.
האָב איך באַשטימט : אַחוץ גוטע מידעם
דאַרף אַ מענש שטענדיג האָבען אַ קינזשאַל
צי אַ פּיקע.

פאָרראַט

אין אַ געוויסער נאַכט
האָט מיין ליבע געעפֿענט איהר אויג —
האָב איך זיי אַלע אויסגעשאָכטען.
כאָטש איך האָב באַליידיגט מיין שווערד
מיט'ן שימעל פֿון זייער בלוט.

מיט דעם ליידענשאַפֿטליכען אימפּעט פֿון אַ פּאָעט, —
געאיילט פֿון דעם ספּאַנטאַנעם פֿלום
פֿון שאַפֿונגס־קוואַך —
צונויפצודריקען די פֿלאַמען פֿון זיין בלוט
אין שמאָלען כאַלאַל פֿון פּוסטע ווערטער —
האָב איך געשניטען קעפּ.

און ווען אַלע זיינען שוין געוועזען טויט
האָב איך מיין שווערד צושמעטערט
אָן די הייסע שאַרבענס.

נאָר אויף די ברוכשטיקער פֿון שווערד
האָט זיך ניט באַוויזען „די זון
פֿון ווייטע ראַיאָנען"
ווייל —
ווייל מיך האָט געשאָנעוועט איר שאַרף — — —

זונען

זאָל זיין אז די וועלט איז באהאנגען מיט זונען
זאָל זיין : אלע וועגן באלויכטען
און אומעטום פירען דיך שטראַלען —
אויב ס'איז ניט פינסטער דער מידבאר,
און איך ווער געפירט פון די זונען
וואָס דו שיקסט
אין וועג, מיך דערוואַרטען —
פאַר וואָס זשע האָב איך,
אין דעם ליכט פון די זונען,
נאָך קיינמאָל באַטראַכטען
א וועג וואָס איז גלייך ?
פאַר וואָס, גאָט, האָב איך
אין דעם ליכט פון דיין אויג,
פאַרלאָרען מיין אייגענעם שיין ? —

— — — — — — — — — — — — — — —

רעקלאמע

אין א טונקעלען פרימארגען
האבען פון מיין אלמער ארויסגעקוקט אויף מיר
מיינע נאענטסטע ביכער —
און איך בין געזעסען און געטומעלט מיט צייטונגען,
געלייענט ווייבערשע ארטיקלען און פארכאפענדיגע שונד־ראמאנען,
רעקלאמעס פון פארשיידענע געשעפטען.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

בין איך א סולטאן צי א יעוונוך
אין לאנד פון מוראד׳ס און פאטימא׳ס.
האב איך מיר א הארעם און קויף מעזוזעס
און טאליסים,
א שטיקעל „לאנד אין הויכע געגענדען“
„אריגינעלע מאציוועס, ריעל און ביליג“

— — — — — — — — — — — — — — — — —

איז מיין לעבען א צייטונג.
איז מיין לעבען א שונדראמאן.
א רעקלאמע —ואס מען לייענט אהן צוטרוי.

גסיסע

די נאַכט
הענגט איבער דער וועלט.
די לעוואָנע, איבער דער נאַכט.
און איך, מיט געפּראַרענע פּים
אויף דער ברענענדער הויט
פון דער ערד
און מיין האַרץ —
אין די הענט פון דער נאַכט.
די אויגען אין דער לעוואָנע.

געטער פויזען אום בא מיינע פּים.
שיידים גלעטען מיר דעם שטערען —
— — — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — —

אונטערגאנג

כין איך —
וואָס מיין הויט קאַרטשעט זיך פון קעלט
און טריקענט פון דער היץ —
דער גיבראַלטאַר
אין וועלכען גאָט האָט איינגעקריצט דעם עפיגראַף:
א י י ב י ג ק י י ט — ?

מיין זוהן וועט מיין ליד ניט דערזינגען.
מיין שטערען קען קיינער
דערהאַלטען פון פאַל, —
כאָטש די וועלט ווערט באַלויכטען פון אים,
און מיין בליק איז אין אויג פון מיין זוהן.

בויער

איך בין דער אינסינעראַטאָר
וואו ס'דערגליִען,
וואו ס'דעררויכערען זיך הויפענס
אויסגעברענטע האַלאָוועשקעס
פון מיין ווערק.

אַליין האָב איך געבויט,
אַליין די פייערען געצונדען, זיך
צום פייער צוגעגעבען —
שטעה איך איצט אַליין
און ציטער
בא דעם הייסען אַש פון מיינע ביינער.

קאַרניוואַראַ

קאַרניוואַראַ־שטוב :
אין מײַן אומעט ביזטו אײַנגעשלעפערט,
אין מײַן אומרוה אײַנגעוויקעלט,
דרעמעלסטו אין אומרוה,
מורמעלסטו אין שלאָף.
זינגען דײַנע ווענט
דעם ניגון פון מײַן מעלאַנכאָליע.

דײַנע אַדאָפּטירטע קינדער
לעקן דעם ראָסט
פון די אײַזערנע גראַטעס,
ווי איך,
ווילן פאַרהילכן דעם געשריי פון משוגאַס
אין זייער בלוט —
מיט דעם קלאַנג פון זייער ווײַכן טראָט.

איך און איר, קאַרניוואַראַ־קינדער,
זויגן אָן מיט אונזער בלוט
די גרינע צווײַגן
וואָס דוכענען איבער דעם גלאָז־דאַך
פון אײַער דרעמעל־שטוב.

די אַקאָרדען
פון אונזערע מעלאַנכאָלישע מעלאָדיעס שפּאַצירען
אויף די באַבלומטע שטעגן
פון זאָאָלאָגישען גאַרטען —

נעקאָמע

נעשאָמע מיינע ! —
אַף־און־געטליכער אבסטראַקט :
נאַרסט מיך יעדער שאָ אין טאָג ;
איך גיב דיר נאָך —
ווי אַ צובאַלעוועטען בען יאָכיד.

האָסט געמאַכט פון מיר אַ דינסט
באַם טיש פון עפּיקורוס,
געבאָדען מיך אין זומפּ
פון סענזואַלע פאַרגעניגענס,
איצט —
וואָס ווילסטו איצט ?
און אַז דו האָסט אויף מיר געריצט די צינגער
פון דיינע ניט נאָכגעגעבענע קאַפּריזען,
איז — וואָס ? —
וועסט מיך אליין דערפירען
צו די סטאַיקער —
וועסטו האָבען דיין שכאַר !

עס טרעפט

עס טרעפט:
עס גליען אויף אזוי פיל זונען
און מיר איז גוט.

אין א טאג אזא
טו איך אן די ווייסע זומער־קליידער,
הויב ארויף די גראע שטארען
איבער מיינע פענסטער
און שפיגעל זיך אין מיינע רונדע זונען.

אין א טאג אזא
גען איך דורך
אלע אלעען פון מיין גארטען
א רוהיגער,
מיט דעם שמייכעל פון די זונען
אין מיינע אויגען.

אין מיין הארץ ווערט געבארען א נייע ליבע:
גלעט איך די דינע צווייגעלעך
פון „בוים פון לעבען",
קוש מיינע טולפאנעם
פארגין זיך ניט א רויטע ברילאנטעמע

פֿאַר מיין לאַפּעל
און פֿליק ניט אָפּ אַ יונגען צווייג —
העפּקערדיג צו פּאַכען אין דעם זאַמד.

אין אַ טאָג אַזאַ
בין איך אַ גלויביגער:
איך גלויב
אַז די שוואַרצע זונען
וואָס פאַרכווישעכען דעם שוואַכען שיין
פֿון מיינע טעג,
האָבען פאַרלאָרען דעם וועג
צו מיין וועלט.

— — — — — — — — — — — — —

—עם טרעפּט

מאַמזער

דאָ,
אין דער וועלט
וואו לופט איז הימעל
באַדען — שטויב —
בין איך פאַרוואָגעלט;
פאַרשטויסען און פאַרלאָרען
ווי א מאַמזער
אין אן אָרטאָדקסיש הויז:
עס איך ברויט
און שילט מיין ביסען.
זינג „אני מאמין” און שפּאָט
פון מיינע סענטימענטען.
דאָ,
אין דער וועלט
וואו גאָט איז מענשליך
מענשען — געטליך —
איז מיר באַשערט
זיין
מיין אייגענער פּאַראַקליט
נאָר וועמען צו בעטן און
וואָס
ווייס איך ניט!

דאָ,
אין דער וועלט
פון —
ווער־ווייס־וואָס?!

האָפֿנונג

אפֿטמאָל קלער איך : —
ווען מיין בלוט וועט בלייכער ווערען
און מיין קאָפּ — גראָ —
וועל איך עפּשער כּאראַטע האָבען
אויף מיינע זינד
קעגען דיר
גאָט

אין יענע טעג
וועסטו עפּשער צויאָגען די שווארצע כמארעס
פֿון מיינע הימלען,
און איך וועל דערזעהן
דאָס ליכט פֿון דיין אויג
און ווערען געלייטערט
אין דיין ליכט.
דערלייזט.

עפּשער —

נאָדלען

אמנעזיע:
דורך די נעכט —
ווען אלע מיינע ספּייקעס קלייבען זיך ארום צוקאַפּענס —
לאָזט זיך מיין מארך אוועק דיך זוכען;
און דער פּולס פון מיין הארץ
ווערט ניט גיכער.
(מיסטאָמע ווייס זי אז אַ מענש
וואָס קושט דיין שוידערליכע האנט
איז אלץ איינס פארלאָרען —)

נעם!
אַך, ווי גוט עס איז צו זיין
אַ ליידיגער!
ניט פילען מער די שרעק צו ווערען געשטרויכעלט
דורך דיינע אייגענע קאַפּריזען.
ניט זיין פאַראנטוואָרטליך פאַר אַ געדאַנק
וואָס איז דיר אליין ניט קלאָר.
אַלע דיינע טעג זיך צו הערען צו דער שטומער שפּראַך
פון די צוויי „ארטיקלען"
וואָס די פיזיאָלאָגיע רופט: הארץ און מארך —
אַ שפּראַך וואָס דו וועסט קיינמאָל ניט פארשטעהן,
וואָס דו האָסט זיך אויסגעלערענט
שלעכט פארטייטשען!
זיך אליין — באַוואוסטזיניג —
אראָפּפירען פון וועג און נאָכדעם שילטען
יעדען טראָט.

אמנעזיע:
א י י ן קאַלטער הויך דיינער —
גליווערען אַלע מיינע כאַלוימעס,
פאַרשטילט דאָס ראַנגלעניש
פון מיינע ווידערשפּרעכענדע געדאַנקען,
און מיינע אימפּולסען ווערען פאַרוואַנדעלט
אין אַ פאַרגליווערטען באַרג פון צוקריפּעלטע ליידענשאַפטען.
מיינע אויגען — פון אַ מומיע —
וועלען פאַלגען דיין ווייז פינגער
און ניט זעהן די וועלט.

קום, אמנעזיע
קום!

שטראָף

אויסוואורף וואָס איך בין!
איך האָב פאַרלאַכט מיין פאָטערס לערען.
פאַרוואַרפען גאָט׳ס געבאָט.
מיט די הייליגע נעוויאים זיך געאמפּערט
און מיינע געצען — — די אויגען אויסגעשטאָכען.
אויסגעזויגען דאָס זיסקייט פון מיין געליבטעס בריסט
און אירע ליפּען מיט גאַל פאַרשפּיגען.
באַטראָגען מיין געטרייע ווייב
און מיין קינד — געלאָזען אויף דער וועלט׳ס באַראַט!

איז מיר געבליבען נאָר די רוה
וואָס ווערט געבאָרען אין פינאַל פון ליד
און די פרייהייט — צוווערען נאָכאַמאָל פאַרשקלאַפט
פון פרייד פון שאַפען, —

בין איך דאָס עפּשער ניט ווערט.

אומרווה

אזוי וועט דאָס שוין זיין! —

ווייל דו האָסט ארומגעצאַמט אַלע מידבאַריעס
און אַלע הימלען.
פון מיין טיר ביז אין שטאָדט,
און פון שטאָדט ביז אין דאָרף, פאַרטרונקען די וועגן,
און איך — דער אַוואַנטיוריסט,
דער געוואַגטער,
ריר זיך ניט פון אָרט.

מיינע ניט דורכגעפירטע אַוואַנטיורעס,
מיינע געוואָגטע פּלענער, הייגנען מיט זייערע גייציגע אויגען
אויף די אָנגעברענטע שפּיצען פון דיינע פּלויטען
און שטויסען מיר אין ברוסט.

מיין ווילען צו ליבען,
מיין ווילען צו האַסען, און מיין ווילען —
אים אַליין צו פאַרניכטען — פויזען אום בא דיינע פּלויטען
מיט פאַרשטאָפּטע מיילער,
און ווען זיי וועלען מיך צום לעצטען מאָל באַפאַלען
און עפענען מיין ברוסט —
וועלען זיי מיט מיר פאַרברענט ווערען
אין דער לעצטער שטופּע
פון מיין דעליריאום.

אַט פּרוביר איך זיך באַהאַלטען אין מיין נאַכט־דאַך —
די גייציגע שפּיצען פון דיין פּאַרקען,
ווי שטאַלענע אַבעליסקען אין די פלאַמען פון דער זון —
גליען דורך די נעכט בא מיינע פענסטער.
און אָנגעברענט האָסטו זיי אויף דעם פייער פון מיין בלוט!
דו, פון מיר געבאָרענע,
פון מיר געבאָרענע — מיך צו רייצען און סאַמען,
צו פירען און
פאַרפירען — צום מאָקויר פון מיין פלייש.

אַלע רעגעס פון מיין לעבען שילט איך יעדען אָנהויב.
ווייל וויפיעל פרייד עס גיט דער אָנהויב, מערער וועה
גיט דער פּראָצעס פון פירען צו א סאָף
וואָס האָט קיין סאָף.

אַ, מעקאַטרעג!
פון וואַנען שטאַמט דיין זשעדנער הונגער?
האָסט פאַרשקלאַפט צו דיר מיין ניין און יאָ,
פאַרבייטסטו זייערע ערטער
ווען דו ווילסט; —
בין איך דער פּאַפּוגאַי וואָס שלעפּט די „גליק"־צעטלעך
פון קעסטעל —
אויף דעם באַפעל פון קאַטערינשטשיק.

אזוי וועט דאָס שוין זיין! —

ס'וועט אייביג מיין נעשאמע דיר אקאמפאנירען
צו די געזאנגען
וואס פארסאמען איר אליין.
און מיין טיש זינגט מיט, און מיין בעט
און מיין שטול.
דאס ווייסקייט פון דער געליבטעם בריסט
און דאס בלא פון מיין קינדס אויג.
אלץ וואס איז מיינס און אלץ
צו וואס איך געהער, זינגט — אהן אויפהער זינגט
דיין ליד.

וויפיל מאל בין איך געגאנגען היינט צו חוה'ן —
און קיין איינמאל ניט ארוים פון מיין פארשפארטען ביידער ?
און געוואוסט האב איך
אז זי האט היינט געטראכט פון מיר
און וואלט מיך בענשען פאר מיין אומגעריכטען קומען.
און פארוואס זאל איך ניט געהן צו די געצעהלטע פרויען
וואס האבען ליב מיין אומעט
און מיין שווייגען ? פארוואס ? —
דו קרייציגערין !

פון מיין אלטען זייגער האב איך אפגעמעקט די שאען
און די ציפערבלאט באפארבט
מיט פארשיידענע קאלירען — — — —

פון מיין טיר־גלעקעל — צוריסען אלע דראטען —
כ׳זאל ניט הערען די צופלאמטע רוגזע פון א מענשען —
ווייל ס׳האט די טיר זיך ניט געעפענט
נאכ׳ן ערשטען קלונג.

און איך וועל קיינמאל שוין א פרעמדע טיר ניט עפענען.
און איך וועל קיינמאל שוין מיין טיר ניט אפשפארען.
ווייל דו האסט פארטרונקען אלע וועגען.
ווייל דיינע שפיזען גליען בא מיין פענסטער און דיין לאפע
האט זיך איינגעגראבען אין מיין ברוסט.

פייער־פליגען

פייער פליגען

ווי פייער־פליגען,
ווי גאָלד־ווערים,
טאַנצען
אויף דער ברוסט פון דער נאַכט —
מיינע צופלאַמטע אימפולסען
אין דער רויִקער אַטמאָספערע
פון מיין האַרץ.

ווי שוואַרצע זשוקען
אין יולי־היץ,
ראַיען זיך
אין פרישען גנאַי —
מיינע געדאַנקען
אין דעם אויסגעוועפּטען מיסט
פון מיין נעשאָמע —

— — — — — — — — — — — — — —

פרעמדע

איך —
וואָס זינג דאָס ליד פון מיין בלוט —
זינג ד י י ן ליד ;
נאָר דיר איז פרעמד דער ניגען פון דיין בלוט.

געזאַנג

אין דעם פלאַם פון דער וועלט
האָט מיין בלוט זיך צעזונגען.

אין דעם פלאַם פון מיין האַרץ
האָבען זיך אירע קאַפּריזען צעהוליעט —

טאַנץ איך אין פלאַמען.

זינג איך מיין ליד פון די פלאַמען.

גלי איך אין פלאַם פון דער וועלט.

שיין

אין דעם פלאַם פון מיינע רעגעס
ברענען מיינע טעג ;
אין דעם רויך פון מיינע טעג
שיינט־אויף מיין נאַכט.

יערושע

איך האָב געיאָרשענט
דעם שטאָלץ פון דער זון
אין איר אויפגאַנג
איבער אונזער אַזערע
און די אַניוועס פון די רויטע הימלען
איבער די שלעפריגע סיבעלינער וועלדער.
און כאָטש איך האָב אַריסטאָקראַטישע מאַנירען,
קוקט אַרויס פון מיינע גלאַנצענדיגע אויגען
דער אורשפּרונג פון מיין שטאַם.

טויטע אַריאַלען

מיין טויט
געהט דורך
אַלע מיינע לעבעדיגע שאָען
און דערצעהלט זיי
פון מיין שוואַכקייט
צו צירען זיך
מיט די טויטע אַריאַלען פון מיין קאַמף
געגען אים; —
נאָכדעם ווי מיין שאַפונג איז געשטאָרבען
אין פּראַצעס פון ווערען.

— — — — — — — — — — — — — — — —

כעשבען

הער זיך ניט צו
צו דעם פולס פון דיין הארץ :
גרינע, עקעלדיגע לעבענס
אין דעם שימעל פון דער ערד
האלטען בעשבען.
אמאל
(צו זייער פרייד)
וועט די צאל ווערען פול — — —

טריאומף

גאט, מיט א פאנים פון א ביידער־איגגעל
וואס טריאומפירט איבער די שמיץ פון זיין באוועד —
באהאלט זיך
הינטער דער פיגור וואס מאכט נאך
מיין יעדער גרימאסע —
פארשטיקענדיג זיין געלעכטער
אין זיינע פעטע לאדאניעס : —

מיין קלוגער גאט !
מיין גרויסער גאט !

צוגעגעבען

סהאט גאט צו מיר געזאגט :
דו ביסט מיין געשטאלט ! —
האב איך אריינגעקוקט צו מיר אין אויג
און זיך צולאכט : —

ווּיזיטען

דער טויט
קומט אַלע טאָג
צו מיר אין הויז
און גיעהט קיינמאָל ניט אַרויס
מיט ליידיגע הענט.

מעכּאבעל

דער שלאָף
דרעהט זיך אום
אַרום די ליבּסטע שאָען פון מיין לעבען
און עסט זיי אויס די אויגען.

פאַלען די ליידענשאַפטען
פון מיינע שענסטע שאָען
פאַרשלאָפענע,
בלינדע.

עקספּלואַטאַציע

גאָט האָט אָנגעדונגען מיליאָנען „הענט״
וואָס ארבייטען מיט א דינאמישען אימפּעט
צו פארפלאָנטערען דעם הויפען פּליסיגען,
מעס־קאָליר פּלייש
אונטער דעם שאַרבען פון מיין קאָפּ —

— — — — — — — — — — — — — — — —

אויגען

מיין טיר איז אַלעמאָל פארריגעלט ;
נאָר ווען מיין אויג איז וואך —
איז זי איר שוימער.
און ווי זאָל איך היטען מיין פענסטער
וואָס פירט צום באלקאן ? —
איצט נורעט זיך א שאָטען
מיט א קינזשאל אין האנט
און וואַרט
ביז איך וועל איינדרעהען מיין לאָמפּ.

שוואַכקייט

מיט דעם קויאַך פון מיין שוואַכקייט
צי איך אויף זיך אַרויף די שאַרפע שנורען
פאַר מיינע קומענדיגע שאָען.

וואָס איז דען מיין אַקשאַנעס —
אויב ניט אַ צוהאַקטער ש ל אַ נ ג
אין ברענענדיגען זאַמד — — — — — —

בלוט

ווען איך האָב אויסגעטיילט מיינע נאַכט־שאָען
צו די לאַמפען אויף די ראַנגען
און צו די שטערען
צווישען די שטיקער ווייסען וואָלקען —
האָט די מידקייט פון מיין לייב זיך צוגעטוליעט
צו אַ פרעמדער שוועל ; —
האָט זיך אין הויף אַ הונט צובילט.

מאָרד

װען די זון
האָט איר לעצטען שפּרונג געטאָן
איבער דעם טאָג,
איז א הױפען הײסער אש
אראָפּגעפאלען אױף מײן קאָפּ ;
האָט זיך אין מײן מארך צוגליט דער פלאם
פון דעם געשטאָרבענעם טאָג.

פייער

די רויט־בלאָע אויגען פון די שטילע הייזער
באגינען —
ריידען צו מיר כאוועריש:
פארטרויען מיר די סוידעס
פון זייערע טרערען
וואָס ברענען די וויעס
און פאלען ניט אראָפּ
דער געזאנג פון זייער טרויער ברענגט מיך נענטער
צו די בריענדיגע ווענט:
זיינען זייערע הערצער פאר מיר אָפען,
וויל איך אויסקושען די טרערען — זאָלען
צו דער ערד ניט פאלען —
און ווען די ערד דערפילט נאָר
דעם ערשטען ברי —
ווערט פון אלץ א קופּע אש!

„האַי־טייד“

א.

די יוני־זון
האָט פאַרשפּרייט דעם רויאַך פון פרויען־בלוט
איבערען שטאָדט;
געה איך אום איבער די גאַסען
ביז די זון פאַרגעהט —
ביז דער רויאַך וועפּט.

ב.

א סיווען־אווענט מיט ראזאווע הימלען,
ראזאווע לייבער און ראזאווע בלוזקעס,
אין רוהּ — אויף די פאַרנאַכטיגע שוועלען —
מיט ראזאווע בלומען אין די האָר.

נאָר די פאַרלאַנגען זיינען — רויט:

ג.

ווי באַפריי איך זיך פון יוני־ליכט?
ווי דערלייז איך זיך פון פלייש־רויאַך? —
זאָל איך פאַרסאַמען דאָס ליכט פון מיין אויג?
טויטען מיינע כושים?

און אז דאָס ליכט פון מיין אויג
איז אויסגערונען —
איז די זון גרעסער נאָך געוואָרען,
פרויען — שעהנער.

לאָסט

אויף מיין האַלז ליגט דער יאָך פון דער וועלט,
אויף מיין ברוסט — איר פאַרלייזיגטער קאָפ.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

איך בין דער יאָך פון דער וועלט.
איך בין דער קאָפ פון דער וועלט.

ביטער

ביטער איז מיר:

אין אַ פרייידיגער רעגע,
אין אַ ביטערער שאַ,
ווייס איך ניט
וועמען צו בענטשן
וועמען — שילטן.

ביטער איז מיר.

צו מיין —
(אין גוטען מוט)

איר,
מיינע נאָענטע —
האָט מער נאָכעס פון מיר —
ווי איך:

אַלע
באַוואונדערען די צירונג
פון אייערע קעפּ: —
פּעדערען
פון מיינע גאָלדענע אריאַלען.

ווי לייכט
און ווי גוט
עס איז, צו טראָגען
א פרעמדע קרוין און וויסען
אַז דער קיניג
וועט זיך שוין זאָרגען אַפּצוהיטען
אירע יוועלען
און איר גלאַנץ — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

שפּאַס

דער ווינט האָט געפונען
מיט וועמען צו שפּאַסען —
האָט ער אַ שטויס געטאָן דעם פאָרהאנג פון מיין פענסטער
איז עס געפאַלען אויף מיין נאַכט־לאָמפּ
און פארלאָשען —
האָט ער זיך הילכיג צולאַכט
און נאָך אים — אַ ל ע ווינטען.
און גאָט האָט געלאַכט.
און דער שעד האָט געלאַכט.
און די נאַכט האָט געלאַכט.
און אפילו אירע מענשען — — — —

בליאַסק און סקריפּ

אויף דער הויז אַנקעגן מײַן פֿענסטער
הײנגט אַ שילד מיט גאָלדענע בוכשטאַבן
אויף אַ שוואַרצן פּאָן.
אין אַ זוניקן טאָג כאַוועריען זיך די שטראַלן פֿון דער זון
מיט דעם בליאַסק פֿון דעם גאָלד.
אין אַ ווינטיקן טאָג שליידערן די הענט פֿון דעם ווינט
אַלע פֿאַרבײַגײער אין די אויגן
דעם שילד
מיט די גאָלדענע בוכשטאַבן אויפֿ'ן שוואַרצן פּאָן :
EMBALMER

א טראַט

אויפ'ן בעסאַלמען
האָב איך אַרויפגעטראָטען
אויף אַן אנגעזופּטען ווארים ;
האָב איך אויפ'ן גראָז דערקענט
דאָס בלוט פון מיינע זיידעס, —

און מיין האַרץ האָט זיך צולאַכט.
און מיין קאָפּ האָט זיך צולאַכט.
ביידע האָבען איינגעשטימט :
דאָס האָט ער א י י ב י ג ק י י ט צוטראָטען !

טריא

אזוי !
גאַט איז בעשוטפעס
מיטען שעד :
(אזוי פארלאנגט מיין דאר.)
דו,
אין א מיץ פון א קלאון,
מיט א שמייכעל
פון א לאקיי פון א הור־שטוב.
ביסט דער פאקעל־טרעגער
אויף די וועגען
פון זייערע אוואנטיורעס !

דערוואַרטונג

היינט האָב איך געזעהן אין מיין כאָלעם
ווי די זונען, אויף וועלכע איר וואַרט שוין
— וועך ווייס וויפיל דורעס —
האָבען זיך טייל ארויסגעהויבען
פון די פורעמס
און באַלד צוריק פארזונקען —
אנזאָגענדיג דעם שוימער
צו פארכאסמענען די עפנונגען
מיט צוואנציג טויזענט יאָריגע זיגלען —
נאכדעם — וועלען זיי כאַפּען
נאָך א קוק :

פלעקען

היינט פארנאכט
האב איך די זון געזעהן
דורך א כאלעל פון געדיכטע צווייגען
וואס האבען זי געמאכט
פיר עקענדיג,
און אזוי קליין
און רויט
ווי דאס פלאם־צונגליטע שויב
פון דער „רעמבראנט סטודיא“
און נאט,
(צי פערעלמאן)
איז געזעסען א שמייכלענדיגער
און רעטושירט א מיעסען נעגאטיוו — — — —

זינגט, זינגט —

ניין !
אזוי לאנג ווי דער יאם
וועט נאך זינגען מיין ליד,
און בעריאזעווע וועלדער פארטייטשען
די מוזיק פון מיין טרויער,
ביז וואנען די הערצער פון ווייסע רוטשייקעס
וועלען מורמלען מיין אומעט,
און די וועלט וועט נאך האבען אן ארט
וואו צו בלייבען אליין
פאר א שא ;
וועל איך זאגען, ניין ! ניין ! —

— — — — — — — — — — — — — — — —

שכינע

ווען איך שווייג —
וואָס ווערט ראַטעווען מיין האַרץ?

ווען עס גליען פייערן פון עקזאָטישע קאָלירן
אין מיינע מאַטע אויגען
און מיין בלוט ווערט דער איילבערט־אויל
פון די רעליגיעזע לאַמפּאַדעס
אין זיי —
זיינען מיינע ליפּן פאַרכאַסמעט
און קיינער קען ניט זעהן מיין עמעסן פּאַנים:

אין יענער שאָ, בין איך — גאָט.

פאסטלוד

אין דעם כווישעך פון מיין הארץ
האט זיך די ערד אין בלוט פארכלינעט —
און ווען זי האט דעם קאפ ארויסגעהויבען
איז ער געווען באהאנגען
מיט ביליאנען צוטריקענטע ביינער —
וואס ליארעמען אין שטענדיגען געשלעג —
— — — — — — — — — — — — — —

ברעקלעך

פאווע־פעדערן און שלאנג־שופען

פרויען —
גיפטיגע סקארפיאנען
מיט פליגלען
פון גאלדענע שופען :
ווען ניט די גאלדענע שופען,
ווען ניט די וואונדער־פליגלען —
וואס האבען דעם אויסזעהן פון עקען
פון פאווען —
וואס פאר אנדערע ארנאמענטען
וואלטען אזוי מיך צוגעצויגען
צו דער בלאטע ?
ווען ניט דער גיפט
פון אייערע ליפען און בריסט,
וואס — וואלט מיך אזוי באטויבען
איך זאל שווערען טרייהייט
דעם לעבען ? — — —

הייסע פאַנעלען

הײַנט האָט זיך מײַן בלוט געבעטען
צו אימיצען פון אײַך,
הײַנט האָבען זיך מײַנע ליפּען געצויגען
צו אײַער הייסען לייב —
מײַן בלוט האָט ניט געקאָנט הײַנט זײַן אַליין.

מיט זעכציג נעכטענס
האָב איך פאַרצאַמט די וועגען
וואָס פירען צו אײַך
ווייל איך האָב באַדאַרפט פאַר זיך מײַן צייט
און מײַן געדולד —
האָב איך זיך אַליין גענאַרט — כאָטש ווען דער טאָג
האָט זיך אַליין פאַרלייקענט —
האָט דאָס זעלביגע געטאָן מײַן בלוט, און געשאָלטען
די אָנגעברענטע צייכענס פון מײַנע טריט
אין די פאַנעלען.

פעדערען

די רוה פון א בעט האט פארקישעפט מיין בלוט.
מיידעל־בלוט האט זיך אריינגעזויגען אין מיינע קישענס
זינט אכטצען הונדערט נעכט —
און רופט צוריק.

האב זיך ערשט געראטעוועט
פון די שמאלע גרעניצען און זיך געלאזט אויף וועגען
וואו קיינער וועט מיך קענען —
האבען צופלאצט די קישענס, און די פעדערען
האבען זיך צוטראגען איבער אלע וועגען
און מיר געבראכט די רוה
פון יענער בעט —

בין איך א פארשאלטענער מענש — — — — —

ברונעט און בלאָנד

שוואַרץ און גאָלד.
שוואַרץ און גאָלד —
אין גאַס, אין טראַמוויי, אין טעאַטער —
דרעה איך זיך אין קאַראַהאַד פון שוואַרץ און גאָלד.

שוואַרץ און גאָלד —
ברונעט און בלאָנד.
קוילען־גלאַנץ, זונען־בליאַסק.
ברוינליך־מאַטער הויט און ראָזאָווער —
טאָג און נאַכט.
טאָג און נאַכט.

מאטאַנעס

רוף מיך ניט, רוף מיך ניט, —
איך קאַן ניט גערן מיט דיר ;
איך וועל מיין קאָפּ ניט לייגען אין דיין שוים —
אין שוים פון א הור.

מיינע ליפּען, מיינע ליפּען
וועל איך צובייסען אויף בלוט —
איידער זיי וועלען קושען
די בריסט פון א נאפקע !

דער טאָג
ווען איך וועל דארפען צאָלען
פאר דער נאַקעטקייט פון דיין לייב,
וועט זיין דער טאָג פון מיין זעלבסטמאָרד !

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

מיין בלוט זוכט אָנסאָפיגען וועהטאָג
פון האלב צוגעזאָגטע מאטאָנעס — — — —

נאָכמיטאָג־וואונש

איך ווינש זיך נאר
זיין
א געזונטער מענש :
א דורכשניטליכער.
ניט,
מיין הארץ זאל זיך צאפּלען
אונטער די פּיס
פון מיין צובראכענעם ווילען.

וויסען
סענזאציאָנעלע מאיסעלעך,
ציניש[ע] וויצען :
צו קענען פארברענגען מיט זאטע פרויען
ווערען — לייכט.
וועלטליך ;
ליבען אזוי
פארגעסן אזוי.

א לײדיגער זיץ

מיט דעם קלעפּיגען שטאָדט־שטויב אויף מײן הויט
בין איך געזעסען אין וואַגאָן
און געוואַרט
די באַן זאָל זיך רירען.

מײן אויסערגעוועהנליכע אומרוהיגקײט
איז, ווײזט אויס, געבליבען
הינטער די טויערען פון וואָקזאַל :
אויפן זיץ לעבן מיר איז געזעסען די רוה.

נאָר א רעגע פאַר דעם אומעטיגען „אָלל אַבאָרד"
האָט האַסטיג זיך די טיר פון מײן וואַגאָן
געעפענט
און ס'האָט זיך באַוויזען א פרויען־שמײכעל
וואָס האָט פארנומען דעם גאַנצען וואַגאָן.
און אײדער זי האָט די טיר
צוריק פארמאַכט
האָט זיך א װײסער שאָטען
ארויסגעשאַרט פון דעם וואַגאָן,
דער זיץ לעבען מיר איז געבליבען לײדיג — —

„באַרוהיגט“

אַך, ווי שעהן זי איז !
און גראַד אנקעגען מיר.
איז גאָר קיין אנדער זיץ דאָ ניט געוועז ?

(און איך האָב מיטגענומען אַ בוך
מיט צוויי זשורנאַלען — — —)

וואונדערליכע לאַנדשאַפטען,
אַ לויטערער טיפער הימעל, אַ קונסט־זאַל
און אנדערע צויבער־שאַפונגען .
מאַכען מיך אומרוהיג.
איז דאָס אַ ריין־נעשאַמעדיגע —
נ י ט י ד י וואָס ס'באַשאַפט די פרוי !

אַ נעם, וואָס זי האָט געהאַט מיט זיך
אַ צייטונג — — —

הונגער

וואו ביסטו ?
דו,
וואס איך יאג זיך נאך דעם אטעם
פון דיין בלוט.
זאג כאטש אז, דיין קומען !

איצט
ווען מיין איינזאמקייט —
מיין ליבע איינזאמקייט — הויבט מיך אן צו שרעקען — —
מיין איך:
מיך האט אלע מאל גענארט
דער קאליר פון דיינע אויגען.

א, רוף מיך ליגנער !
רוף —

אט שטעהען זיי
מיט הונגעריגען בלוט, און שלינגען
דעם מאטען גלאנץ
פון מיינע אויגען:
(מיינען זיי
אז מיין ציטערדיגע ליפ וועט זיין
די מוטער פון אנטפלעקונג ?)

זאל כאטש זיין דיין שאטען נאענט
לעבען מיר:
ווען די רייד עפשער ניט גליווערען
אין דעם פיבער פון מיין בלוט.

זעהסטו ניט

ווי אימיץ צעהלט מיר אפ די יארען ?
און וועט דען לאנג זיך קענען האלטען
אין מיין הייסען שטויב
דער סאד ?
און אנטפלעקט ער זיך אהן דיר,
איז ער — א ליגען.

א, דו —
נאמענלאזע !
לייבלאזע —
געפין דיין נאמען אויס
און מאן פון גאט דיין מענשליך לייב
וואס דיין פאעט'ס אילוזיע האט באשאפען.
די ריגלען פון מיין הארץ
זיינען אין בלוט פארטרונקען
און קאנען זיך ניט עפענען.

שטרעק נאר אויס דיין ווייסע האנט.
זאל דיין הויך נאר ווארעמען מיין שטערען.
זאל נאר דער אפשיין
פון דיינע רויטע פייערען
זיך ווייזען
אין די שפיגלען פון מיין אויג.
ביסט דא.

מוזט זיין
נאר — ס'איז דער וועג
צו מיר פארשאלטען —

— — — — — — — — — — — — — —

פאַרשאָלטענע זונען

פארשאָלטענע זונען

שמעון:
מיין בלאָנדער גאָט!
הויב־אויף דיינע בלאָע אויגען
צו דער זון
וואָס הענגט איבער דיין קאָפּ.
דו, עפּשער
קענסט זעהן גאָלד־שטראַלען,
ניט איך, מיין קינד!

אין די זון־שטראַלען
ווארעמט זיך ניט מער מיין הארץ!

זעה, קינד:
נעשאָמעס בלאָנזען אויף די שטראַלען־וועגען —
פארפירטע.
אויגען
וואָס האבען זייער ליכט פארלאָרען,
אָפענע —
זיך קיינמאָל ניט צושליסען,
באלויכטען פון דער זון — — —

דאָס,
מיין קינד,
האָט פארגעלט דאָס ווייסקייט
פון דיין פאָטער'ס אויג.

אָ, וואָס וועט זיין פון מיר?

גאט, —
וועל איך אלע מיינע טעג
שטעהן
און צוזעהן דעם טאנץ פון קלארען ליכט
פון די אפענע אויגען
ביז צו דער זון ?

איז מיר באשערט זיך שפיגלען
אין דעם פארשפייטען בלוט
פון מיין אייגען הארץ ?
שטעהן און — גליווערען ?

רויט־הא‎ריגע גארילא־לאפעס
שפילען מיט מיין הארץ
און איך —
איך שטעה דא ביי דעם טויטען בלוט — — — —
אט איז דער גארילא־פיר ! — — —
אבער וואו איז מיין האס ?

מיין סינע — צום עקעל פון דער וועלט ?

און האב איך שוין מיינע הענט געהויבען
און געמיינט — — —
האט מיין צארן פארבלייבט
אין דער מעסיקעס פון א טפילע.

מיין דאך ברענט.
מיין דאך איז צולעכערט און — ברענט
שטעקט יעדע לאך ארוים א פייער־צונג :
טאנצען פעך־פלאמען איבער מיין דאך.

— עפשער איז עס א מיראזש ?
ניין, אומגליק מיינער !

•

לעבער ! לעבער !
ליכט :
א געמיש
פון שווארצע, רויטע, געלע
ליכט.

וועלען זיי שוין אייביג שמעלצען
בריענדיגע פעך־טראפענס
אין די לעבער פון מיין דאך ?

אומגליק מיינער !

•

די בלייבע,
נייַנצעהן הונדערט־און־צוואנציג יאריגע זון
פון דער ערד
האט געטרונקען דאס בלוט
פון מיין גלויבען —
רינט עס אראפ אויף מיין שטוב.
מיין אייגען בלוט
לעשט ניט אוים די פייערען !
האט מיך מיין בלוט פארראטען ?
דינט זי יענער האנט
וואס האט די פייערען געצונדען ?

•

צי האט די פייערען געצונדען ?
מיין אייגען האנט ?

שיידים !
אַט קומען אנקעגען מיר אויגען,
אויגען
וואָס וואַרפן אַ פאָרוואורף אין מיין פאָנים :
די וויים־ברעמיגע,
אָפענע אויגען
פון ר' בצלאל בן יעקב הלוי — — — —

ניטאָ מער קיין טפילע.
ניטאָ מער קיין שפּרוך.

געהט איין מיין הארץ
אין רויך פון דער וועלט :
און מיין אויג
טרינקט זיך אין דעם גרויל
פון גאריל־טאַנץ — — —

אומגליק מיינער !

געפאר

די באַן לויפט.
נאָך גיכער יאָגט מיין בלוט
און שרייט, און שרייט —
ווי אַן אַלטער פּאַפּוגאַי,
צורייצט פון זידעל־ווערטער.

וויל איך: ווערען אַלע באַלד געוואַר
פון דער געפאַר
וואָס זיצט אַ „רוהיגע"
צווישען זיי:
האַ—אַ—אַ!
אַלע וועלען טאָן אַ ציטער
און בלוט וועט גליווערען.
קעפּ וועלען זיך ווענדען
אין אַלע זייטען פון וואַגאָן
מיט פראַגע־צייכענס אין די שרעק־ראַמקעס:
— פ ו ן ו ו אַ נ ע ן? — (אַלע זיצען רוהיג —)
און איך וועל ווידערהאַלען: — — — —
דעמאָלט
וועלען שוין געוואַגטע יונגען פרעגען:
מעשוגע?
וועל איך אַרויסדונערען
אַ געלעכטער:
אַ—האַ—האַ,האַ האַ!
באַזיירים!
וואָס פארשטעהט איר ניט?
— — — — — — — — — — —
און זיי וועלען מיך זוכען
אין מיינע פּאַנים־שטריכען — — — —

ניט דו

ניט דו וועסט פארלעשען די זונען
וואָס נערען מיין בלוט.
ניט דו !

מיין בלוט איז פארשאָלטען, ווײַלע איר איז באַשערט
זיין דער יעסאַד פון דיין קיעם.

עס האָט דער נר תמיד
דיר אייביג געשטאָכען
די גייציגע אויגען
נאָר, וואָס —
דיין קויל קאָן נאָר טרעפען א ביין.
דיין סאַם — א צושראָקענע הארץ.
און רויבען קאָנסטו ;
רויבען מיין גאָלד און מיין קלייד
און מיין שטוב
נאָר ניט מיין פראמעטעאישען ווילען.

ווייסע ווענגע

ווייסע וועגן

ווייסע וועגן,
ווייסע וועגן —
טאַנצט אויף זיי מיין וואָיאַזש־פיבער.

אויף די ווייסע וועגן,
אויף די ווייסע וועגן
זינגט
מיין אַוואַנטיוריסטיש בלוט :

ווייסע וועגן,
ווייסע וועגן —

אין דעם הייסן שטויב פון די ווייסע וועגן
לייזט זיך אויף די לאָגיק.

אויף די ווייסע וועגן
פון מיינע אַוואַנטיורעס
וועט זיך אויפלייזן מיין בלוט.

ווייסע וועגן —
ווייסע וועגן —

איבערפאל

נעכטען
האבען מיך
די אלפען בערג באפאלען
די פאלמען פון פאנאמא —
ארומגעקליבען זיך בא מיינע פענסטער.
אויף מיין טיש,
אונטער א גראנדיעזער זון
האט זיך ראשיג צובליט
א בוש עקזאטישע יאסמינען.
אויף די פערעסטאלען
אין די ווינקלען פון מיין כיידער
האבען זיך צושטעלט
עגיפטישע מומיעס.
דער מידבאר־ווינט
האט מיך באשאטען מיט
גאלד־גליאיגען זאמד.
דער יארדען
האט זיך צוגאסען אונטער מיינע פיס,
זינגענדיג דעם וואיאזש־ניגען
פון מיין בלוט.
און די באלאדענע קעמלען —
מיט די מארדעס געקלאפט
אין מיין טיר — — —

מאָרגען —

מאָרגען שווימט אַ שיף קיין פלאָרידאַ.
קיין בראַזיליען.
צו דער זון־פאַרברוינטער אַפריקאַ.

מיינע פינגער ציען זיך צום זונען־גאָלד
פון אַראַנזשערען.

אין מיינע אייוורים ברענט די לוסט צו שפּילען
אין דעם בריהענדיגען זאַמד פון מעקסיקאַ
און שליידערן מיין האַרץ
צו די הייסע בריסט פון אירע טאַיעווודיגע טעכטער.

(מיד פון ווייסע פענימער און געפאַנעלטע גאַסען,
דער בלייכער זון און נאַרישע מיידעל־לידער.)

מאָרגען פאָרט מיין שיף צו די האַוואַיאַ אינזלען —
(—די האָנאָלולו זון און די פּאַסטאָראַלע לידער
אויף דער רויטער שוועל פון אָוונט —)
מאָרגען —

אַמעריקאַ

א.

אמעריקא .
דו ביסט מיין שטיפמאמע —
אבער וואס א מאמע קאן נאר האבען פון איר גוטען זון,
קריגסטו פון מיר !
ווייל דו ביסט קלוג גענוג.
אנצופילען מיינע קעשענעס מיט זיסען טארט
און פעטע ניס — — — —

ב.

מיין קעפסווייב ביסטו —
נאר איך הארעווע פאר דיר
נאך מעהר ווי פאר מיין ווייב —
און מיין פרייהייט און מיין מויאך
איז נאך מעהר אין דיין רעשוס !

און ווי קאן איך דיך ליבען
אז דו האסט דיין האנט געלעגט
אויף דער מוטער פון מיינע קינדער —
און מיך אליין געצוואונגען
אויפהענגען א שלאס איבער איר טיר
און אנצינדען דאס הויז ! —

ג.

דערוויילע
ביסטו נאָך יונג,
נאָר דיינע אויגען זינקען שוין
אין ווייכען פלייש פון דיינע באַקען,
די יונגע גלידער פון דיין לייב
פאַרגיסען זיך שוין מיט אַ שווערען פעט,
און דו מיינסט,
עס פאַסט דיר נאָך דאָס שמינקע
און דער פודער
און די פלאַקס־געפאַרבטע האָר, —
שטעהסטו אויף אַלע ברעגען
פון דיינע ברייטע וואַסערען
און ווינקסט צו מענער מיט געזונטע אָרעמס
און מיידלאַך מיט רויטע באַקען —
פאָלגען זיי דיין רוף:
קומען אַן און קושען זיך מיט דיר —
קושען זיי אין דיר אריין דאָס רויטקייט פון די באַקען
און דעם קראַפט פון בריסט און אָרעמס.
— — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — —
דערפאַר זיינען דאָ בא דיר אַזוינע פולע בריסט!

ד.

אלע דיינע וועגען זיינען רויט ;
נאר קעדיי די מענשען זאלען זיך ניט שרעקען —
האסטו די וועגען באשאטען
מיט גאלד־שטויב.

און צו ווייזען
אז דו שאצסט זייערע טריט
אין דיינע רויטע וועגען —
האסטו אויפגעשטעלט הויכע אבעליסקען
פון מירמעל און זילבער — — —
— — — — — — — — — — — — — —

ביי די טויערן פון צוויי שטעדט

א.

פילאדעלפיא :
דיין הונגעריגע געמבע,
וואס איז שוין הייזעריג פון קלערגישע געזאנגען —
האט אריינגעשלונגען מיינע צען יאר,
די צען יאר וואס זאלען זיין דאס ליד פון לעבען !

א דערצארנטער, האב איך מיט האסט
דיינע טירען הינטער זיך געשליידערט ;
האסטו פארקארטשעט דיין רויכיגען אויג און מיך באגלייט
מיט א ציניש‏ען שמייכעל :

יעדער ברוקשטיין,
יעדע אפגעבלאנקטע וואנט
דער מיסט פון דיינע שמאלע גאסען
און די ווייסע פאנעלען פון בראד סטריט,
אלץ —
אלץ וואס איז אין לעבען צי אין טויט א טייל פון דיר —
זינגט דעם ניגען פון מיין בלוט,
און אויף אלע דיינע שויבען
שפינעלט זיך מיין בליק.

ב.

אַט שטעה איך הינטער דיינע טויערן
מיט א שנור פּאַרסאַמטע טעג איבער די אַקסלען
און דו — גרויסוועלטיגער שיינק פון רעליגיע —
וואָס דו האַלטסט זיך מיט דעם קאַסטען אויסגעגליטען גאָלד
פון דיין באַיאַרטער „ברודער־ליבע" און ווייסט ניט
אַז פאַרבליבען איז נאָר פּסוילעס, דו —
טרעטסט אויף מיינע אויצרעס ניט פאַרלעבטע שאָען
וואָס וואַלגערען זיך אין דיינע רינשטאָקען —
ווי די צושאָטענע מאַטבייעס
פון אַן אייוועראַבאַטעלדיגען בעטלער!

ג.

און וואָס האָט מיך געצוואונגען צעהן יאָהר צו פלעקען מיינע
קליידער

מיט דעם שימעל פון דיינע קירכען־ווענט ?
ניט דער רויאַך פון דיין פארשלאָפען בלוט,
ניט די בלייכע ווענט פון דיינע קרומע מויערען,
ניט די מיידעללאָזע אלעען פון דיינע גארטענס
ניט די נעשאמעלאָזע מיידלאַך פון דיין מאָנאסטיר־געזינד —
— וואָס ? וואָס ?
דן פאנסיאָן פון קלויסטערליכע מאַנירען !

ד.

דרעמלענדיג, האָב איך דערהערט א קאָל : ניו יאָ־אָ־רק ! —
האָט מיין כאָלעם זיך דערשראָקען
און אַנטלאָפען
דורכ׳ן רויכיגען טונעל —
זיינען אַלע זיינע שיפען
באַלד אראָפּ צום גרונט,
די מאַסטען אין דער העלפט צובראָכען
און קיינעם פון די פּאסאזשירען
ניט געבראַכט צום ברעג — — —

ה.

אין דער גערומקייט פון איר וואָקזאַל
האָב איך דערקענט די פרייהייט פון אַ וועלט
וואָס לעבט אויף יענער זייט פון אונזער בליק —
בין איך שוין דאָרט געווען
נאָך איידער ס'איז די באַן אהין געקומען — — —

אין די געשליפענע אוצאָרען פון די הויכע ווענט
בליט דער וואַיאזש־פיבער פון דער וועלט —
צינדט ער אָן האַלב־אויסגעלאָשענע פייערן
אין אויגען אונטער שוואַרצע גלעזער — — —

ו.

ציוויליזירטע מאַשינען און עזלען,
מעכאַנישע מענשען און איך —
דער אויפגערעגטער פאַרמיטלער
אין קאָנפליקט פון מיינע געדאַנקען,
וואָס מוז זיך האַלטען רוהיג.

האַרמאָניע, האַרמאָניע —
איז טומעלדיג אין עוועניו און אין מיר.
די שרעק וואָס וואוינט אויף אומבעקאַנטע וועגען
האָט אַ ביס געטאָן מיין האַרץ —
בין איך אַוועק אַן אָנגעצונדענער — — —

ז

וואו בין איך ?
פארלארען זיך אין וועג ?
ניין —
אלע וועגען זיינען מיינע.
איך — דער אנווייז־פינגער
פון אלע וועגען.

וועל איך פירען זיך אליין
אויף די טאגיגע וועגען ;
וועל איך ברײנגען זיך אליין,
אויב ניט צו נאענטע — צו ווייטע —

מעג נעמען מיר דער וועג דעם גאנצען טאג.

ח

ניו יאָרק:
דיין שטאָלענע הויט
איז באַשאָטען מיט וואונדען,
ווי קרעץ —
אויף דעם אָפּגעלאָזטען לייב פון א משוגענער אקארע.
דיין פערד־און־לייבען קאָפּ
שווימט שווינגענדיג
איבער די אַלערליי קאָלירענדיגע רויך־כוואַליעס,
און שמייסט מיט דער רויטער גריווע
אין די וואָלקענס.

פון דיין איבערגעשטאָפּטען בויך
יאָגט א בריענדיגע פּארע
דורך דער פעטער פעל —
וואָס שטיקט זעקס מיליאָנען אָטעמס.
מיט די ריזיגע קאפּיטעם לעבערסטו
דיינע אייגענע געדערים,
און די פונקען
וואָס דו רייסט ארויס פון דיין צוגליטען ברוק
צוברענען דיר דיין הויט.

ט.

אויף דיינע גאָלדענע קופּאָלען טאַנצט די זון
מיט באָרוועסע פיס
און באָדט זיי אין דיין בראַנד —
אויף דיינע גאָלדענע קופּאָלען טאַנצט די זון
און אין דיינע גרויסע אויגען טאַנצט דער גלאַנץ
פון הונגעריגען שווערד !

.י

וואו וועט זיין מיין ערשטער אָפּשטעל ?
ווען וועסטו שוין מיר — צוערשט ?
וועמען וועל איך געבן שאָלעם
צו קריגען עס צוריק
מיט פולער הארץ ?

גיי איך איבער גאסען —
ביז איך כאַפּ זיך אז דער טאָג
האָט זיך פארבייגערוקט.
מיין אויג —
און קיינער ווייס נאָך ניט
אז איך בין דאָ א פרעמדער —
וואָס זוכט וועמען צו געבן שאָלעם.

יא.

צורייצט פון זונליכט,
פון אויגען־פייער און ראזאווער הויט
פון פלייש־געדוך און פרויען־קאל —
איז מיין אומרוה — באלד מעשוגאס.

נאך גוט וואס גאלד
האט זיך צוטאנצט פאר מיינע אויגען.
גאלדענע בוכשטאבען
אויף א ליכטיגען גלאז,
און די פינגער פון דער זון טייטען צו זיי :
Ruth's Poetry Book Shop

ווערט די גאס, די שטאדט —
א בוך געשעפט
ארומגעהאנגען מיט קוביסטישע בילדער —

קום איך צו זיך.

יב
ראטגערס סקווער

אויף ראַטגערס סקווער ביז איך געזעסען און געטראַכט
געטראַכט, ווי גוט עס איז צו וואוינען אין ניו יאָרק :
געהסט אַרוים אויף איסט בראָדוויי באַגעגענסטו אַזוי פיל אידען.
און ווערען איינגעמאַטערט דיינע פיס, זעצסטו זיך אויף ראַטגערס סקווער

און רוהסט :
קוקסט אַריין אין טיפע אויגען און אין שאַרפע פּנימער.
הערסט זיך צו צו רייד פון פלאַמיגע נעשאַמעס
וואָס קאָנען אומברענגען און אויפבויען אַ וועלט.

ס'איז נאָך גאָר אַ פריע שאָ, ווייט פון האַלבען טאָג.
נאָר די אַסיפעס הויבען זיך שוין אָן ;
מע רעדט באַנאַנד, באַצענט און מער און מער.
יעדערער איז ערנסט.
יעדערער גערעכט.

ווייסע קעפּ ציען זיך צום הימעל.
אויגען גראָבען זיך אין שטויב פון באָדען.
ווערען דאָ מעגאַלע די סוידעס פון אַלע זונען און פּלאַנעטען
שפּאַרעוודיגע טריט און שמייכעלס.
איזאָלירונג און גלויבען.

אויף ראַטגערס סקווער —
אויף ראַטגער סקווער ליגט אויף צוריק די שכינע פון שדי, —
וואָס מיינע ווייטאָגען האָבען פאַרטונקעלט,
און געשטאַלטען פון געטער וועמעס לערען
איך וועל עפּשער ווען ניט איז נאָך אָננעמען.

אויף ראַטגערס סקווער,
צווישען די אַלטע און יונגע אידען, וואָס יעדערער פון זיי
איז אַ עפּשער אַ פאַרבאָרגענער משיח.

די פּראָצעסיע

א

מאמע :

ווען גאָט האָט זיך דערוואוסט

אַז זיין ליכט

ווערט בלייבער אויף דער ערד,

האָט ער זיך גענומען

דאָס העלע ליכט פון דיינע אויגען

און זיך געגרויסט מיט זיין ניצאָכען —

זיינען מיינע הימלען שווארץ געווארען —

האָט זיך מיין צאַר צוזונגען און געשאָלטען

זיין ליכט און געשפאט

פון זיין וואָרט —

גויסעט מיין שיקזאל

אין די שווארצע נעגעל פון מיין קלאָלע — — — — —

ב.

פרייטאג — — —
די שאמאסים האבען זיך געאיילט :
די שוואט־טעג זיינען קורץ
און ס'איז שוין
האלבער טאג —
באטש אנקומען אין שטאדט א שא
פאר זונאונטערגאנג —
אויף שאבעס ברייגגען דיך
צו קוואורע —
און געדוכט האט מיר
אז דארט
ווארט אן איילעם נאך א גרעסערער
אויף דיר — — —

.ג

נאָך דיר
האָבען מיר אַלע
פאַרלאָזט אונזער שטוב —
איז דאָס ליכטיגסטע הויז פון דעם שטעדטעל
געלעגען אין כווישעך.

נאָר די שאָטענס
פון דיינע בענש־ליכט
האָבען זיך געשפּיגעלט אין די שויבען
און דיין ליכט האָט געלויכטען
אין יעדערענס אויג.

ד.

אלע ווייבער האָבן ליכט געבענשט:
אלע בענש־ליכט־פייערן
האָבן גשלונגען טרערן.

און ווען די ליכט
האָבן געהאַלטן שוין באַם אויסגעהן —
האָט קיינער דורך די פענסטער ניט געקוקט,
און אין צושראָקענע רייד
האָט געגויסעט דיין קאָל.

ח.

די פארנאכט־שאַ פון יענעם טאָג —
(אַ, זיקאָרען מיינער !)
די זון איז פארגאַנגען און — דו.
נאָר איך —
דיין זוהן וואָס זעהט די זון
אין שוואַרצען שייד פון האָריזאָנט —
זעה דיך.

אַ, די פארנאכט־שאַ
פון יענעם טאָג —
באַ דער טרויערענדער וואנט פון גראָען שטיבעל
ווי האָב איך — א דרייצעניאָריגער
געמארע אינגעל —
ארויסגעזאָגט צום ערשטען מאָל
נאָך דיר : יתגדל — ?

דעם ערשטען קאַדיש האָט מיין בלוט דערשטיקט
אין האַלז ;
אויף דעם שאַרף פון מיינע ציין
האָבען זיך געראַנגעלט ברעקלעך
פון זיין אינהאַלט.

דער ערשטער קאַדיש איז געבליבען ניט דערזאָגט,
האָט דער מיניען מענשען ניט געזאָגט קיין „אָמן“
זיינען אַלע שטום געווען,
האָבען זיך די ווענט צושריען —

דער ערשטער קאַדיש
זינגט נאָך איצטער אין מיין בלוט —
וועט אייביג זינגען !

.ו

יעדען טאָג קוק איך אריין
צו אונז אין שטוב :
עס ברענען נאָך די ביילעוו־ליכט
און — ס'איז נאָך פרייטאָג האלבער טאָג.
ס'איז קיינער שוין ניטאָ אין שטוב —
נאָר עס טיקעט דער אַלטער זייגער איבערען שופלאָד,
עס בלישטשען די מעשענע רעמלעך
פון די מעזוזעס
און פון אונטער דעם שווארצען קרעפּ
קוקט אַרויס אַ ווינקעל פון דעם שפּיגעל
וואָס האָט איינגעפּאסט אין זיך אויף אייביג
דיין געשטאַלט.

ז.

צוגעשלאָסען אַלע וועגען:
האָט דיין קייווער קיין מאַצייווע,
איז פּינקעס איז שוין לאַנג די בלאַט צוריבען
און אָפּגעמעקט
דער צייכען פון דעם אָרט,
שרייבט צו מיר דער זיידע:
ס'איז שווער צו דיר צו טרעפן —

איך וויים:
דו ביסט ניט ביין.
מאַמע:
דו ווייסט
אַז דיין גרוים קינד,
וואָס איז נאָך ניט דערוואַקסען
זיך אַליין צו שטראָפן —
אַ דערווייטערעטער —
וואוינט אויף די וועגען פון דיין קייווער.

ח.

פרייטאָג אָוונט,
ווען עס ווערען אויסגעלאָשען
אַלע וואָכעדיגע זונען —
געה איך צו די שמאָלע גאַסען
וואו עס וואוינען פרומע אידען.
גאַנווע זיך אריין
אין טויער פון אַ הויף
און קוק אריין אין פרעמדע פענסטער —
דערזעה איך אַ מענוירע
מיט ווייסע ליכט
און די בלאָע פייערלעך
ציען זיך צום הימעל —
בענש די פרוי
וואָס האָט די ליכט געצונדען
און זעה
ווי דו
שטעהסט באַ די אַלטע אפגעפוצטע לייכטער —
וואָס דער זיידע האָט דיר קאַלע־ווייז געשאָנקען —
און בענשט די וועלט!

גוטע מאַמע מיינע —

ט.

דער טרויער פון דיין לעוואַיע
האָט זיך אויסגעשפּרייט
איבער ערד און הימעל —
זעה איך אייביג די פּראָצעסיע
וואָס האָט דיך באַגלייט
ביז'ן עק פון דאָרף און נאָכגעקוקט
אין די ווייסע פעלדער
ביז די פוהר
וואָס האָט דיך געפירט אין שוואַרצען אַרען
איז פון אויג פאַרשוואונדען —
איבערלאָזענדיג אַ שפּרינגענדיגען פלעק
אין שניי —
ווי אַ ראָב.

זעכצען מאָל
האָב איך שוין ליכט געצונדען.
עפשער זעכצען מאָל געפירט די פּראָצעסיע
פון מיין אייגענער לעוואַיע —
און דער שוואַרצער פלעק
שפּרינגט נאָך אום אין ווייסען שניי —
איז דאָס דער נידעריגער שליטען מיט'ן ווייסען
אויסגעדאַרטען פערד
וואָס שלעפּט זיך איבער אַלע וועגען
מיט דעם שווערען בארמענען.
די פוהר —
וואָס פירט אום דעם טרויער פון דיין לעוואַיע
איבער דער וועלט!

א שרעקעדיג אינגעל

האסטו מיך דא געלאזען,
און אז דו ביסט ניט געווען
פון מיר די שרעק צו יאגען —
האט זי קיינער ניט געטריבען!

ווער קען ציילען אלע קעפ
וואס זי שטעקט ארויס אין א מיטנאכט שא
דורך די שטיינערנע ווענט פון מיין כיידער?

דינע זעפיר־פינגער
שפילען אויף די שויבען,
ווערען זיי ——— שטורעמס.

ווען וואוויאוס שפארט אונטער מיין דאך
און צועפענט זיין מויל
פאר מיין פענסטער —
און איך בין אליין.
און דאס שמאלע ליכט פון מיין גאז־רער
טאנצט איבער מיין קאפ —
ווי ס'וואלט אויך א האנט געהאט
אין דער „פארשווערונג"
קעגען מיר.

יא

ביידע טירען פון מיין קליידער־אלמער
האבען זיך לאנגזאם צועפענט,
האט זיך וואס פון דארט ארויסגעקייקעלט
אין א שווערען צודעק —
— — — — — — — — — — — — — —

האב איך שוין געזעהן דעם באגינען
פון מארגענדיגען טאג:
אין מיין בעט
איז געלעגען א סקעלעט
פון אן ערשט געוועזענעם מענשען,
און די באלעבאטים און די שכיינים
פון דעם הויז
זיינען געשטאנען ארום בעט
מיט צוקרימטע פענימער פון שרעק
און עקעל — — —
— — — — — — — — — — — — — —

יב

אינדערפרי,
ווען די זון איז קאַלט —
הענגט זי פאַר מיין פענסטער,
נאָכדעם שפּרינגט זי מיט אימפּעט
איבער מיין דאַך —
זאָל זיין —
אַבי די נאַכט איז אַוועק!

בין איך אַ רוהיגער:
קען איך צושליסען די אויגען
און דרעמלען.
— — — — — — — — — — — — — —

ווער האָט אָנגעזאָגט דער וועלט
אַז דו ביסט טויט, —
וואָס אַלע האָבען זיך דאָ אָנגעשטופּט?

ריים איך מיין צודעק אַרונטער פון זיך,
וויקעל זיך איין אין גרינעם באַלאַכאָן
און גייע — גייע צו דיין לעוואַיע —
אַלע טאָג.

יג

און ווער איך סטימולירט פון אַ נייעם גאַט
און צווינג זיך אויפֿן קאָל
אַ ליד פון פרייד —
צווינגט זיך דער וואַסער
אין ליימיגען קייוועך,
דער ציטעריגער קאַדיש־ניגען
פון אַ דרייצעניאָריגען יאָסעם.

יד

היינט פאַרטאָג
האָסטו מיר די הענט געוואַרעמט
מיט דיין הייסען אָטעם,
און די האָר געקעמט —
האָב איך געמיינט
איך בין דאָס ערשט געקומען
פון שטאָדט־כיידער
אויף כאַניקע —
בין איך היינט בלייך געווען
דעם גאַנצען טאָג.

טו

אַט שטעהסטו באַם אויווען, —
אין די פֿלאַמען
וואָס רייסען זיך אַרוים
און ציען זיך צוריק — איז דיין פּאַנים
ווי אַ גרויסע צופֿלאַקערטע זון
אין די אַנגעגליטע מאַריוו הימלען.

עפּילאָג

זיי זאָגען מיר
אַז אַלע מיינע וועגען
פירען סאַי ווי סאַי צו דיר;
אַלע מיינע וועגען — פון אַ באַוואוסטזיניגען נאַר
וואָס וויל זיך ראַטעווען מיט רייד —
מיט אָפענע רויב־אויגען — אַ בלינדער —
שנייד זיך די וועגען צו גאָט
דורך דעם רויכיגען האלז פון אַן אָפּגרונט — — — —

מוז דאָס זיין אַזוי?
איז עס אַזוי?